JS.78.1122 3 ДЕК 1871.

# דער
# ערסטער נאבאר
## וואס וואר אין דעם יאר תקפ"ח (1828)

מאת אמ"ד.

ווילנא
בדפוס האלמנה והאחים ראם
שנת תרל"ב לפ"ק

ДЕРЪ ЭРСТЕРЪ НАБОРЪ
Первый наборъ съ евреевъ 1828 года.
Разсказъ А. М. Дика.

ВИЛЬНА
Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ*.
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328
1871.



שוין דער לע־ט צוא האבין שפיטעלער נאר צום געזונט ווערין,
אחברה קדישא וואס פירט זיך שוין אויף פיל בעסער אונ לייטעש
אלם דיא פארצייטינע דאס געלט ווערט אן גיווענדעט צו אבעסע
צוועק (תכלית) אלם אויף סעודות אונ פריסעודקעס, אונ אזוא
עס או ף דעם בית עולם אויך מיט מעהר ארדענונג צו, דאס מיר זע
מיט אונזערע אויגין דיא ווארהייט פון דעם אלטין שפריכווא
אנדעוע צייטין, אנדערע לייטין·

ובכ־ אלה) אונ דאך שאדעט עס ניט צו וויסין וויא עס ה
זיך אמאל פאסירט אונ גיפירט, דאמיט דער נייער דור זאל ניט בע
די זע בי דומהייט וואס ווא־ר דאן, אונ דאהער האב איך עס בעש
אין איינער זאטירע (לאכענדע מליצה), איך גלויבע אונ האפע,
יעדעוי לעזער אונ לעזערין וואלט דר ביי נאר איין פאר גינינגן נ
אונ ניט איינעם וועט פערדריסין, וואס איך האב דא קריטיקירט,
דער ציילט אזוא אגישיכטע וואס האט קיין מאל פאסירט, דע
אונזער אראפע בענוצט מען זיך נאר מיט אזעלכע שריפטין, אום
צוא בעסערין דיא זיטין, ווייל דיא קריטיק ווירקט פיל מעהר א
מ־ראל (טרוקענע מוסר), דאהער איזט ניט גינוג פר אונז די שטר
אזהרות פון דער תורה אדער פון שכל, ניין דיא זינדע מוז נאך
פערי אכט ווערין, אונ דאהער שפאטין אונזערע נביאים אין זיי
ספרים פון דעם ענין פון עבודת כוכבים, פונאזונה, אונ שטעלין
פאר דיזע זינדין זייער לעכערליך, אונ דאס איזט נאר ווייל זייא ה
איין גיזעהען דאס דיא קריטיק (בקורת) האט מעהר קראפט אל
שטריינג שטע אזהרה אין דער וועלט·

נעתק ע"י ש"צ

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено Цензурою 28 Іюня 1871 г. Вильна.

## 1:

### „איין עטוואס פון מיינע קינדהייט"

טייערע לעזערין ! פאר געוויס האסטו שוין מעהערע
[...]יכטען מיינע דורך גילעזין ניט וויסענדיק אזו גאר ווער דער
[...]ייבער פון זייא איז ווייל זייא ווארין גישריבין אנאנים (אן
[...]מען) · די אורזאכע דער פון וואר נור ווייל איך האב עס ניט
[...] נייטיג גיפונען · דען דיא ערציילונגען מיינע ווארין גינוג פאר
[...]ענדליך אהנע צו וויסין דעם פארפאסער (מחבר) דער פון וויא
[...] ברויט זעטיגט דעם מענטשין אהנע צו וויסין וויא הייסט
[...] לאנדמאן (אקערסמאן) דען דיא קארין פראדוצירט
[...]ערפארגעבראכט) האט ·

דיזער פאל אבער איז שוין ניט מיט דיזער ערציילונג וואס
[...]ילט פון איינעם היסטארישען פאקט (איינער געוויסגעשעהענע
[...]בעגעבענהייט וואס בערירט איינע גאנצע נאציאן) · דען דא קומט
[...]ן זייער פיל אויף דעם שרייבער · דאש הייסט דער שרייבער
[...]ין איינער פאר ריידע פון זיינער פערפאסונג (חבור) זיך אן
[...]לדין דעם לעזער ווער ער איז · אונ קאווירען אים פאר דיא
[...]ויסהייט פון זיינע ערציילונג אים פאל ווען זיינע פערפאסונג
[...]ין ארגענאל איז (ניט ארויש גינומען פון אנדערע ספרים) אונ
[...]ן ניט · דאש הייסט ווען זיין חבור איז נור אזאמלונג איבער
[...]עם באשריבענעם געגינשטאנד (ענין) פון אנדערע היסטאריצנא
[...]ער · איז זיינע שולדיקייט אויף צו ווייזין דיא קוועלין (מקורים)
[...]אנען ער האט עס ארויש גינומען · דאש הייסט פון וועלכע
[...]ער · דאהער מיינע טייערע לעזערין אום צו פערשאפין מיר
[...]בין בייא דיר אין דיזער ערציילונג שטעלע איך מיר דיר פאר

אום

אום דיר בעקאנט צו מאכין ווער דער פארפאסער פון דיזע[ר]
ערצייללונג איזט ·

איך הייס אמ״ד איין געבארענער ווילנער · אונ לעבע ב[יז]
יעצט אין ווילנא · אונ וואר אלט ביי דעם ערסטין נאפא[לעאן]
דרייצעהן יאר · עס איז שוין צוואר דרייא אונ פערציג יאר איבע[ר]
געלאפין פון יענע צייט אן ביז דיזעם טאג · אונ דאך געדיינקע איך
אים אזו גוט אלס וויא עס העטע ערסט געשטערין גישעהען · ד[...]
דער ליבער גאט האט מיך בעגאבט (בעשאנקען) מיט איינ[עם]
טרייען געדעכטניס (זכרון) אונ געדיינקע קלאר אונ ריכטיג אל[ע]
מערק ווירדיגע בעגעבענהייטען וואש זיינען גישעהען אין מיינ[ע]
קריינ · אונ אזו געדיינקע איך אלע אונוויכטיגע קינדעש[ע]
בעגעבענהייטין וואש זיינען אבער העכסט מערקווירדיג דעם קינד[...]
אין זיינען קינדעשין עלטער · אזו געדיינקע איך דעם ערסטין ט[אג]
אין וועלכעם דער גרויסר באהעלפער האט מיר גיוויזין דעם גרויס[ן]
„אלף״ אונ דעם איבער מארגין נאך אים אין וועלכין דער מל[אך]
האט מיר אראפ גיווארפין אגראסין פון הימעל · איך געדיינ[ק]
אלס מיין פאטער זכרונו לברכה האט מיך אוועק גיטראגין אין ת[...]
איינגעוויקעלטערהייט אין אטלית מיט אפלאס בראנפין אונ מ[...]
אלעקאך : אונ מיין רבי זעליג ז״ל האט אן גיהייבין צו לערנען מ[יט]
מיר דיא ערסטע פרשה פון ויקרא · איך געדיינקע אלס ער האט [...]
אן גיהויבין צו קנייפין אין בעקעלע אונ האט מיר צו גיזאג[ט]
געבין א שיינע כלה · אונ האט ווארט גיהאלטין · דען ער האט [...]
מיר שפעטער טאקע גיגעבין · דען ער וואר דער נאך מיין שד[כן]
אונ נאך קלינגט אין מיינע אויערין דער ערשטער „מה טובו״ וו[...]
מיין באהעלפער האט גיזאגט מיט מיר זייער הויך אויף דיא ט[...]
פון אונזער ווילנער שול · עס ווארען דאן מיט מיר נאך הונדע[רט]
קינדער פון אנדערע חדרים פאר זאמילט דארטין · וויא נא[ך]
הערדען (שטאדעס) ארום דעם סיני · נאך צוקט מיך דורך
הייליגער שויער וואש האט דורך צוקט אלע מיינע קליינע גלי[דער]
אלס

[א]לס מיר האבין אונז אלע פאר איינט אונ פאר נייגט ביי דיא
[ווע]רטער ואני אשתחוה ואכרעה דען גאט וואר מיר דאן פיל נעהענטר
[א]לס יעצט וואש איך זוך אים מיט מיינעם קאלטין פאר שטאנד ·
[...]איך גידיינק דיא ערסטע טרערין וואש איך האב גיוויינט אויף דעם
[ט]ויט · נאך מער גידיינק איך דיא ערסטע טרערין וואס איך האב
[ג]יוויינט אוים אנדאכט (פרעמיקייט) אין דעם ראש השנה פון
[ד]עם ערסטין נאבאר צוא מוסף ביי דיא ווערטער „מי לא נפקד
[כה]יום הזה״ אונ גידיינק אזו אלץ וואש דאן איז גישעהען · גלייך
[וו]יא איך וואלט עס ערסט מיט מיינע אויגין גיזעהען :

עס וואר דאן גיוויין איבער גיוויין אונ איך האב גוויינט מיט ·
[א]ונ בעשרייבע עס אזו וויא איין אויגען צייגער וואש איז צוא גלייך
[א]ויך איין אנטייל נעמער אן דיזער באגעבענהייט · אונ אזוא לעבין
[נ]אך גאט זייא דאנק זייער פיל וואס גידיינקען עס וויא איך דא
[א]ין מיינער פאטער שטאדט · אזו וואלט איך ניט ארויש גיטראטין
[א]פענטליך מיט אונוואהרהייטען · פאר דיא יעניגען וואס קענן מיך
[נ]אך צום ליגנער מאכין · איין באווייז וואס דער כוזרי בעדינט זיך
[מ]יט אים אין זיין ספר אויף אמתת התורה · דאס משה וואלט זיך
[נ]יט גיוואגט ארויס צוא טרעטין מיט אזעלכע ספורים וואס אנדערע
שרייבער וואלטין אים מכחיש זיין׳ אונ ווען אויך איך בעשרייב דיזע
[ב]עגעבנהייט פון ווילנער געזיכטספונקט (מרכז) נאר ביי אלעם
[...]דער ברייטעט אוים דיזע באשרייבונג איינע העליקייט (ליכטיקייט)
[א]יבער אלע אידעשע בעזיצונגען אין רוסלאנד · דען עס וואר איבער
[...]אל (אום אונ אום) דאס זעלבע מיט קליינע אונטער שיידונגען :

2.

„וויא גרויס עס וואר דאן דיא ווירקונג פון ד״ם
ערסטין אוקאז אויף ווילנער אידעשע גימיינדע״ :

בעודני נער) אלס איך וואר נאך א קינד פון אאיר פינף זעקס
[...]האט זיך שוין גיהערט · דאש מען וועט אן הייבין צוא נעמען
אידעשע

אידעשע קינדער פאר זעלנער וויא אין עסטרייך · אונ עס וואו
דריבער זייער פיל געפאסט אונ תהלים גיזאגט יאר פאר יאר
אלע שטעדט · דען ווירקליך וואר דאן די קלוזבע זייער שווער
גאנץ אראפא · נאך מער אין רוסלאנד דער סאלדאט וואר דא
בעהאנדעלט אין פולק פון זיין ציניאוניק ניט בעסער וויא דע
בויער אין דארף פון זיינעם פאמיעסציק · דער צוא נאך האבן דיזע
שרעק פאר מעהרט די אידעשע אנטלאפענע זעלנער פון עסטרייך
וואש פלעגין אום צוא גיין דא אין ווילנא אונ אין אנדערע שטעדט
איבער דיא הייזער · איך גידיינק נאך וויא היינט וויא מען פלעגט
מיך פירין אין שול תהלים זאגין דאש דיזע גזרה זאל בטל ווערין
אגב האט זיך גיהערט דער צוא נאך אנדערע גזרות אויף אידען
דאש מען וויל זייא מעביר זיין אין גאנצין אויף זייער דת · דען וויא
אקייקעלע שנייא וואש קייקעלט זיך ארונטער פון דעם שפיץ איינעם
פאר שנייטען בארג וואקסט אין דעם ארונטער וועלצען · אונ ווערט
איינע גרויסע לאווינע (אגרויסע קוגלע שנייא) וואש קען אגאנצי
דארף פר שיטין וויא דר פאל איז זייער אפט דארטין אין שווייצאריע
אויף די אלפענגעבירגע °) אזו וואקסט אויף יעדער נייעקייט אין
דעם מויל פון דער המון עם (פעבעל) טויזינד מאל גרעסער אלם עס
איז אין דער ווירקליכקייט · בפרט נאך ווען עס זייען דא דער צוא
אזעלכע מענטשין וואש ווילין דער פון נאך אנוצען האבין · אונ אז
אזעלכע האט דאן ניט גיפעלט · עש זיינען דאן גיזעסין אין
פעטערסבורג

°) אין שווייצאריע זיינען דא זייער הויכע בערג וואש ווערין
אנגערופין דיא אלפען · דיזע בערג זיינען באדעקט מיט איינעם
אייביגין שניי וואש קומט צו פון יאר צו יאר אונ ווען עס פערוויקעלט
זיך דארט אויבען איין קליין קייקעלע שנייא וואקסט עס אין פאלען
פון מינוט צו מינוט · אונ עש ווערט פון איר ביז זיא קומט ארונטער
אונטען איין קויל פון מיליאנען פודען וואש פערשיטעט אונטען
הייזער · דערפער אונ טייכען · דיזער קויל הייסט (לאווינע) ·


פעטערסבורג אידעשע דעפוטירטע · דען אזו האט דאן באפוילין
זעליגער קייזער אלכסנדער דער ערסטער מנוחתו כבוד ·
דיזע דעפוטאטין °) וואש ווארין דארטין אין פעטערסבורג מער
שעפטיגט וועגין זייערע אינטערעסין אלס אין כלל זאכין
גין ארין צוא שרייבין אין דיא אידעשע קהילות · דאש עס
ט זיך גרויסע גזרות אויף אידין אונ עס איז נאך צייט עס צוא
תאפין מיט מיטלען · אונ מען האט פאר געווים גישיקט צו זייא
ען געלט · אונ באמת וואר עס אליגען · אונ דער ווייטע האבין
גיהאט פיל בעל דרשר פון וואס צוא זאגין אין דיא שולען
אונ

°) אלכסנדר ז"ל האט גימיינט דער מיט נאר איין טובה פאר
ין דאש הייסט מען זאל מיט זייא דארטין אונטער האנדלען אלע
ים וואש זיינען נוגע לכלל ישראל · עס ווארין גישיקט אהין צו
יא פון אנגעבערנע אויף הוצאות פון כלל · אונ וויל דער כלל
אר דאן ארעם אין געלט אונ אויך אין בילדונג האט מען קיין
ער איסטאצניק ניט גיפונען אויף דיזע קאסטען נור דאס יעדער
נטש זאל אבטרענען זיין זילבערנעם בעלאג פון זיין קיטיל אונ
עם אריין טראגין צוא זיין קהל · אונ דאש וועט גימאכט
רין צוא געלט · אונ עס איז ארויס דער פון ניט מער וויא
ליניקייט · וויא דער פאל וואר בייא דעם עגל דאס פון ששים
בוא אויערינגען וואש האט גיוואוגין בערך אכצעהן טויזינט פונט
אר געווים · איז ארויס קוים אקליין קעלביל · אונ די דעפוטאטען
אם האבין ניט גיהאט פון וואנען צוא לעבין דארטין · זיינען יענע
אש האבין גיקאנט אביסעל רוסים דאש הייסט דיא רייכישע
וארין חאדעטייען · אונ דיא איבעריגע האבין פראסט גיסאחערט
ף דעם טאלקוץ מיט אלטע הויזין · אויך וואר אונטר זיי אגרויסער
ד לבבות · דען עש ווארין אונטער זיי חסידים פון פאר שיידענע
תות אונ מתנגדים · אונ האבין אזו איינר דעם אנדרין דאנאסעוועט
עטליכט

און עס וואר איטער געוויינט און גיוויינט אויף יעדער גזרה ...
מען האט אויש גיטראכט · האט זיך גיפונען רמזים אין דער ...
און אין ספרים קדמונים · איך גידיינק נאך וויא היינט דאש ...
מיט איינינע יאר פריער אלס דער אוקאז פון דעם ערשטין נא...
וואר האט אונזער שטאט מגיד גיזאגט אין דער שולכעלע ...
מען רופט איר של ר"ז ור"ד אום עשרת ימי תשובה · און אל...
האט בעדויערט אין זיינעם דרוש דעם שלעכטין צוא שטאנ...
אידען · און דיא בייזע גזרות וואש הערט זיך אויף דעם איד...
כלל · האט ער גיזאגט אונטער אנדערע רירענדע דבורים (...
ער וואר ז"ל אגרוישער דרשן) "וועמען נעמען אויף איי...
יונגע לייט און חדרים קינדער איז מתוח דער מדת הדין" עס...
דאן איין גיוויין אין שול דאש עש גערען (קלינגען) מיר נאך ...
אויערין עד היום דער פון · און באלד נאך דעם האט ע...
גיהייבין צוא דער ציילין וויא עש איז צוא גינאנגען אין עסטרייך...
דעם ערסטין נאבאר · ער האט דער ציילט וויא ער זעלבסט ...
מיט זיינע אויגין גיזעהען וויא דער גאון ר' חאצקעלע לאנדע ...
איז דאן אריין אין שול דעם שפאדעק אראפ גיקוועצט איבער ...
אויגין ער האט זיך גישטעלט לעבין דעם ארון קודש · ארום
דיא אפ גיגעבענע יונגע לייט מיט אפ גיגאלטע פאות און ב...
און

---

עטליכע וואריו אונטער זייא וואש האבין ניט גיוואלט עסין ...
פון גאס האבין זייא זיך פאר שאפט אייגענע ציגען · נון פל...
מען זייא זייער אפט צוא זעהען וויא זייא יאגין זיך נאך ...
זייא אין דיא גאסין · אויך זיינען זייא איבער דעם מאנכע ...
גיזעסין אין דער פאליציע · דען זייא פלעגין אן מאכין דא...
גרוישע שאדענס בייא דיא וואס זיצען אין גאס מיט גרינסען און ...
גיבעק · זייא ווארין דארטין ביז מען האט זיי פון דארטין א...
גיזאגט איין בעוויז דאש אפאלק אן בילדונג איז ניט מער ...
איין בעטעל הארדע :

און האט זייא גילערינט וויא זייא זאלין זיך אויף פירען אין דינסט
מיט גאט און מיט דעם קייזער · ער האט זיך דאן בעצוינגען אויף
דעם פסוק "ירא בני אלהים ומלך" עס איז דאן פאר גאסין
גיווארין בעך טרערין :

מיט איאר פריער פאר דעם אוקאז דאש מען זאל נעמען
רעקרוטען האט דער זעליגער קאנסטאנטין וואש וואר אמאן פון
גרויסען כאראקטער אברודער פון אלכסנדר דעם ערשטין (מנוחתו
כבוד) זייענדיק אין קאוונע אויף ארעוויע האט ער נאך דער רעוויע
גיזאגט צוא די יענעראלין אלע וואש ער האט זייא גילאזט ארום
שטעלין זיך ארום אים דיזע ווערטער "גאספאדא איבער איאר וועלין
מיר האבין נייעם אין אונזער ארמייע עם וועלין יודין ארין טרעטין
אין דינסט" דיזע ווערטער זיינע האבין דורך צוקט וויא אבליץ
אונטער אלע אידעשע גימיינדען · און זיי זיינען גיווארין ערשיטערט
וויא דורך איינען עלעקציררעטעט · דאך נור אויף אקליינע צייט ·
מען האט זיך באלד בערוהיגט · ערסטינס דורך דיא בריף פון די
חאדעטייען וואש ווארין דאן אין פעטערסבורג · דען זייא האבין
גישריבין · דאש מען קען עס נאך מיט געלט פאר ריכטען · און
צווייטינס דורך דיא רייכישע און וואלינער חסידעשע רעבייאים
וואש האבין דעם עולם פאר זיכערט אויף געווים דאש מען וועט
פון אידין קיינע רעקרוטין נעמען · און וואש מען איין מאל נור
ווינצט לאזט זיך זייער גלייך גלויבין :

בשנת) אין דעם יאר תקפ"ח צוא דיא ערסטע סליחות איז
דער אוקאז אנגעקומען קיין ווילנא דורך איין פעלד יעגער ער איז
גיקומען אלס דער עולם וואר נאך אין שול און האט גיזאגט סליחות ·
און גיוואר גיווארין איז מען פון אים ערסט ארום צוועלף דעם
זיינער ביי טאג · איך האב דער פון דער הערט שטייענדיג לעבין
מיינע עלטערינס קראם און האב יענעמען דער וואש האט עס מיר
אנגעזאגט גירופין ליגנער · דען מיט איינער האלבע שטונדע פריער
וואר איך בייא איינעם געוויסען גביר אין שטוב ר' זאנוויל פערד
מארקער

מארקר וואש מיר האבין דאן געוואוינט אין זיין הויף · אונ עס וואר גאר קיין רייד נאך דער פון · דאך האט מיך דיזע נאכריכט העכסט בעאונרוהיגט · אונ בין אריין גילאפין זייער שנעל דארטין אין הויף אום צוא דער גיין דיא זאך אויף קלאר · איך האב אבער שוין פאר שפארט צוא פרעגין · דען איך האב עש שוין גיזעהען מיט מיינע אויגין · איך האב גיזעהען וויא עש שטייט אין מיטין הויף אנגעזעמעל אידען בערך אפאר הונדערט מענטשין אונ אין זייער מיטען שטייט דעם גבירס איידעם וואש וואר (אונ איז עס נאך איצונד) אוואול לערנער אונ אגוטער רוסאק אונ לייענט פאר זייא דיזען אוקאז וואש וואר שוין אפ גידרוקט אונ האט פאר נומען בערך צעהען צוועלף בויגין · ער איז גישטאנען אונ גילייענט אונ דער עולם איז גישטאנען אונ האט גיוויינט · דען דער אוקאז וואר געשריבין זייער שטרענגע · דיא ווערטער „בעז אט צאט אונ צערעז שטרויא" האבין זיך ווידערהאלט (איבער, געהאזערט) אין יעדין פאראגראף :

דיזעם לעזין האט גידויערט מער אלס צוויא שטונדען · אונ בעפאר ער האט עס באענדעט איז אונטער גיקומען איין משרת פון קהל אונ האט גיבעטין די גבירים דאש מען זאל קומען אין קהל שטיבל אויף איינר אסיפה · אונ דר עולם איז זיך פאנאנדר געגאנגען גיבייגט אין דרייען · אונ וואו הין ? דאש האט קיינער ניט גיוואוסט · דען עש וואר דאן יעדען פינסטער דיא וועלט · אונ מען האט זיך ניט גיקענט האלטין אויף דיא פיס פון שרעק אונ פון מוטלאזיקייט · אונ אזו וואר מיר אויך · איך האב מיך קוים ארוים גישלעפט פון הויף אויפין גאס · אונ האב זיא ניט דער קענט · דען זיא וואר וויא אויש גישטארבין · אלע קראמען ווארין צוא אונ עש וואר קיין מענטש צוא זעהען · ווייל דער גאנצער עולם איז אוועק אין די שולען אונ אין דיא קלויזין אום דארטין הילפע פון דעם איינציגין גאט אוים צוא בעטין · דער גרעסטער טייל פון זייא זיינען אוועק אין דער גרוישע שול אונ איך נאך זייא :



## 3.

## „דיא גרויסע ווילנער שול"

אונזער ווילנער גרוישע שול · איז ווירקליך איין מקדש מעט זיא שטייט טיף אין דער ערד מען שטייגט אין איר ארונטער אויף פופצעהן גרוישע טרעפ · גיבויט וויא איין טעמפיל זייער גרויש אונ הויך · אונ זייער מאסיף (פעסט) זיא האט זייער פיל פענסטער אונ דאך אימער דונקעל גאנץ גישאפין צו שטימען דעם מענשליכען גייסט צוא איינער הייליגען אנדאכט (נעטליכקייט) °) דאש מיט רעכט קען מען אויף איר זאגין דעם פסוק (מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלהים וזה שער השמים) עש איז אזו איין ארט וואש מער וויא איין מאל האט דארטין אונזער ווילנער געמיינדע אויש גיבעטין ביי גאט הילפע בעתות בצרה (אין די צייטין דער נויט °°) אונ אהין האט דאש פאלק גישטרעמט אויך אין דיזעם טאג אין פולער האפענונג דאש זייא וועלין זיך פאר גזרות ניט אום קערין פון דארטין מיט ליידיגין · אלס איך בין אין איר דאן אריין האב איך

דער

°) דיזע גרויששע שול איז גיווארין גיבויט אין דעם יאר של"ב :

°°) אונזערע זקני העיר דער ציילין אלס ווילנא וואר באלעגערט פון דיא רוסין האט פוילישער רזאנד גילאזט צוא זאמען טרייבען אלע ערוואקסינע מאנס לייט אויף דעם פלאץ לעבין דאט הויז אונ מען האט זייא אטאקירט מיט קאנאנען אום צו פאר ניכטען זייא אויף איין מאל ווייל מען האט זייא הושד גיוועזן דאש זייא האלטין פאר דיא רוסין · אידעשר רעגעמענט אבר מיט זייער יענעראל · דאש הייסט דיא קליינע קינדער מיט דעם גאון זכרונו לברכה ווארין דאן אין דער גרויסע שול צוא גאסין אין גיבעטם אונ ווארין דער הערט פון גאט · דען עש איז ארויף אויף דעם פלאץ

אפוילישער

דער וואוסט נאר עטליכע הונדערט מענטשין · דיא פני העיר זיינען
גישטאנען געשטיצט אויף זייערע טראסצענעם · דיא קעפ אראפ
גילאזין · דיא קאפעלוסען איבער די אויגין · שטום וויא די שטיינער
נאר זייערע אויגין האבין גינאסין בעך טרערין :

דיזע שטילע וואר אבער באלד אונטער בראכין דורך
דרייסיג אדער פערציג אידעשע רעמיזיניקעם וואש זיינען אריין אי
שול · האבין צוא גיטראטין צוא דעם ארון קודש · האבין גיעפינט
דיא טירעלעך אונ זיינען גיפאלין פאר אים צוא דער ערד אונ האבי
גישריען מיט איינר גיוואלטיגער שטימע · א ! גרויסער גאט רעטער
ישראלים זיין העלפער אין צייט דער נויט · אונז נאר אונז זא
טרעפין דיין שטראף געריכט · דען נאר מיר זיינען די זינדער מי
האבין גיטאן אלעם וואש נאר פאר באטין איז אונ פאר שוינע די
איבעריגען דיא אום שולדיגען · דיזע טרויעריגע שצענע האט
גיעפינט הונדערטע קוועלין פון טרערין · דען עש איז גיווארי
אגרויש גיוויין קיין אויג איז גיבליבין טרערין לער · באלד דרוי
האט אן גיהויבין דער חזן צו זאגין אויף דעם אלמעמער מיט איינע
יאמער שטימע (יענך ה׳ ביום צרה) אונ טויזינדע מיילער האבין ע
נאך גיזאגט מיט דער גרעסטע אינברונסט (התלהבות) · דען די
שול וואר שוין דאן פול אונ פאק מיט מענטשין אזו דיא מאנעש
אונ

---

אפוילישער ריטער א׳נ האט גיטאן אנישרייא „ניע פאזוואלעס
האט מען זייא אלעמען פאנאנדער גילאזין · אונ ווען אונזער ד
וויל וויסין וויא מיר זיינען אימער בעהאנדעלט גיווארין פון ד
פוילין וועלין אים דיא אייזערנע לאדין פון אונזער שול דער ציילי
דען מען האט זיי גימאכט אום צוא פאר היטען מיט זייא די פענס
דאש דיא שטודענטין זאלין זייא ניט צוא ברעכין מיט שטיינ
גייענדיק פון קלאס · דיא לאדינס זיינען נאך ביי דיא פענסט
וויא דאן צום אן דיינקען פון זייער שאנדע · גאט צוא דאנ
דאש מיר לעבין אונטער דעם רוסישען שוץ :



אונ אזו די׳ ווייבערשע אונ אזו האט דיזער קאפיטיל דארטין אוועק
גידונערט ביז שפעט אין דער נאכט אדער ביז כמעט סליחות ·
אונ אויף מארגין האבין אונזערע מורי הוראות שוין אויף גיעפינט
אינזערין אלטין ארסענאל אונ האבין אונזער גימיינדע בעוואפינט
מיט דיא אלטע וואפן (גיווערן) פון אונזערין אלטין קיניג דוד המלך
דאש הייסט זייא האבין ארויס גינומען פון זיינעם תהלים פאסענדע
קאפיטליך · אונ האבין פאנאנדער גישיקט רשימות דער פון אין
אלע שולין אונ קלויזין אום עס צו זאגין גאנצענע טעג אונ גאנצענע
נעכט דארטין · אונ פון דיזען טאג אן אונ ווייטער וואַרין אלע
גיבעט הייזער אן גיפראפט מיט מענער · פרויען קינדער וואש
האבין דיזע קאפיטלעך גיזאגט פאר מישט מיט דיא שלש עשרה
מדות גאר אן אויף הערונג ביז דיא אנדערע טעג סוכות מיט גרויסע
בכיות אונ מיט תעניתים · עס וואַרין דאן גיטאן גרויסע תשובות פיל
צדקות איז גיווארין אוים גיטיילט גאר אן שיר אונ ערך :

## 4.

## „דיא נייע משגיחים אדער אנפיהרער"

יעדעם פארגעניגען איז פון קורצין דויער : נאך קירצער איז
יעדעם ענטציקען (התפעלות אדר בעגייסטערונג) אם קירצעסטין
אבער איז דיא אנדאכט · דאש הייסט איינע געטליכע שטימונג
אין בעטין · דען נאר משה אליין האט עס גיקענט וויא דער פסוק
דער ציילט דאש גאט האט צוא אים גיזאגט (ואתה פה עמוד)
דאש הייסט בלייב אויף אימער שטיין דא מיט מיר גאט · דאהער
וואַרין אונזערע ערסטע גיבעט וואש אונזערע קדמונים האבין אונז
מתקן גיוועען קורץ אונ בינדיג אזו וואר אויך דיא תפלה פון חנה ·
אונ אזו אויך אלע אנדערע תפלות אונ דאנק לידער וואש געפינען
זיך אין אונזערע ספרי הקודש · וויא שלמה המלך זאגט · (האלהים
בשמים ואתה על הארץ על כן יהיו דבריך מעטים) דאש הייסט וייל
דוא

דוא מענטש בוזט אויף דער ערד אונ גאט איז אויפן הימעל · דאהער דארף זיין דיין גישפרעך מיט אים ניט צוא פיל · דיזער פאל וואלט פאר געווים ניט אויסין גיבליבין דא ביי אונזער געשיכטע אויך · דען דער עולם האט זיך אפ געמידעט שוין אין דיא ערסטע צווייא טעג אין בעטין אונ אין וויינען · אונ וואלטין שוין פאר גיוויש זיך באלד בערוהיגט אונ גישוויגען ווען עש וואלטין ניט גיוועזען דער ביי צווייא וויכטיגע אור זאכין וואש האבין אויש גיפרעסט פון זייער ברוסט טיפע קלאגענדע זיפצער אונ פון זייערע אויגין הייסע טרערין וויא מיט איינער פרעס מאסינע · דיזע צווייא אור זאכין וואר · איינע דיא תשובה טעג · דען עש וואר דאן יום נוראים צייט וואש דאש פאלק וויינט אין איר אלע יאר גאר אזו אויך אן אשום גזרה נון וואר עש שוין אלם איינע אלטע גיוואונהייט צוא קלאגין אונ צו וויינען אין דיזע טעג אום אוים צוא בעטין אגוטעם יאר · די צווייטע וואר דיא אזו גינאנטע משגיחים אדער מנהלים וואש האבין זיך מתנדב גיוועזען פון זיך אליין ניט צוא לאזין דעם עולם ניט אמינוט רוהען · אדער וויא מען זאגט ניט עטעמען · דיזע לייטע וואהרין מענטשין פון קליינעם שטאנד · דאש רוב בעלי מלאכות אטייל ארעמע לומדים פלעגין אום צוא גיין ביי נאכט איבער דיא גאסין פלעגין צוא קלאפין אין דיא טירין אין דיא לאדענם אונ פלעגין צוא שרייען וואש שלאפט איר דיא וועלט שטייט אין פלאמען · ישראלם צעלטען ברענען · שטייט אויף צוא עבודת הבורא גיסט אוים וויא וואסער אייערע הערצער פר גאט אונ בעטעט וועגין אייערע קליינע קינדער · א ! איר צערטליכע (הייסע) מאמעם שרייט צוא גאט · גאטעם טויערין זיינן אפין איצט אונ בפרט אין דיא תשובה טעג · הערט איר וויא מען שרייט אין דיא שולען שוין (יענך ה' ביום צרה) פון צעהען דעם זייגער אונ איר פוילענדע פערגינט אייך נאך צו שלאפין · זייא פלעגין עש צוא שרייען מיט איינער הויכע קלאגענדע שטימע · דאש עש האט אויף גישרעקט קינדער אין דיא וויגין אונ צוא ריסען דיא באנדען פון שלוסער · אונ מען איז אוועק

אין

אין דיא שולען קליין אונ גרויש אונ מען האט אוועק גיזאגט תהלים מיט שלש עשרה מדות ביז סליחות · אונ נאך דעם דאווענען האט מען ווייטער גיזאגט תהלים · מען האט פאר לאזין אלע גישעפטין · עס האט אויף גיהערט דער קרעדיט · ווייל יעדערער האט גימיינט דאש עם וועלין ווערין אלע אידין סאלדאטין :

עם וואר אפילו דאש נגד דעם רצון פון דיא מורי הוראות : ווער אבער האט זייא גיהערט · דיא משגיחים האבין אין גאנצין בעהערסט דעם המון עם · זיי אליין האבין שוין גימאכט רעליגיאזע רעצעפטין · האבין גימאכט רשימות פון שטיקער פיוטים פאר מישט מיט יהי רצונם פון כמה קבלה ספרים אונ מיט וידוים · דען עס וואר איינער אונטער זייא וואס וואר ווירקליך איודע סגר אונ וואש האט זיך גיהאלטין פאר אבעל מקובל · איך גידיינק צוואר זיין נאמען נאר ער איז שוין איין שוכן עפר · אונ וויל אים אזו ניט שטערין פון זיינעם בלייערנעם שלאף : דיזע משגיחים פלעגין ארוים צוא שיקין איבערין שטאט אלע טאג אנדערע בחורים אונ מוידין מיט קערב אום צוא קלייבין ליכט אונ געלט אום צוא קויפין תהלימס · אונ פלעגין צוא קאמאנדעווען דורך זייערע פאסלאנצעם אין אלע קלויזין וויא מען זאל דאווענען מנחה ציא אין טלית אונ תפילין ציא אן טלית אונ תפילין ציא זאל מען לייענען ויחל צוא מנחה ציא זאל מען ניט לייענען · איך פלעגין זייא ארוים צוא שיקין גאנצע אטראדען (שוואדראנען) ארעמע אינגלעך אויף דעם בית עולם דורך פאר שיידענע גאסין וויא איינע אטאקע מיט איין יאלעווער מלמד לבד פרייא וויליגע (אהאטניקעם) וואש פלעגין זיך אליין מיט גיין אויך האבין זייא אוים גיווירקט דאן ביי דיא מיניסקעם וואש עש האט דאן גיהערט צוא זייא דער גרינער בריק · דאש מען זאל ניט נעמען קיין בריק געלט פון יענע וואש גייען מתפלל זיין אויף דעם בית עולם : קורץ דער פון דיזע לייט וואהרין דיא גאנצע רעדעל פיהרער דאן · זייער שטאליציע וואר דאן דיא קברנימשע שול ·

און

און פון דארטין פלעגין ארויס צוא קומען אלע טאג דיא נייע רעליגיעזע אוקאזען און מען האט זייא געהארכט וויא דיא קדושים ·

5.

## „דער בית עולם"

אין דיזע יאמער טעג איז דער בית עולם זייער שטארק בעזוכט געווארין פון אלע קלאסין מענטשין עש וואר זיך ניט צו צוא שלאגין געוועזען צוא קיין רבנים שטיבעל · און אזו אויך אויף יעדין זנאצנעם קבר · מען איז גילעגין איינער איבער דעם אנדערין און מען האט ניט גיוויינט נאר געראוועט · מען האט קיין זאך גיבעטין נאר מען זאל קיין סאלדאט זיין · אמוטער איינע וואש בייא איר איז געשטארבין אזון כון איאר זיבענציין · האט ארום איר טויטען זון גיטאנצט מיט גרויס גנציקען (פרייד) און האט גידאנקט גאט דאש זיא האט זוכה געוועזן צוא ברייננען אים אלם איד צוא קבר ישראל · אונד פילע פרויען האבין איר מקנא גיוועזן · און האב אזו אויף איר גילייענט דעם פסוק (והפכתי אבלם לששון) און אזו אין כלל האבין פיל מקנא געוועזן דיא טויטע אלם דיא גליקליכסטע לעבענדיגע · איך זעלבסט וואש איך בין גיגאנגען כמעט אלע טאג אויף דעם בית עולם האב זיך גיוואונציין דעם טויט · און פלעג זיך שיידין פון דיא קברים מיט דער גרעסטער ווייהע מוטה · איך גידיינק דאש איך האב אוועק גיטאנעט בייא דעם קבר פון איינעם געוויסען קדוש וטהור אנוטע שטונדע מיט ווינטיגע טענות · און האב נאך דעם גיווארט אהיבשע צייט אויף אתשובה און וואר אזו געווים דאש מיינע רייד זיינען אן גילייגט דאס וויא איך האב נאר דער זעהן איינעם פרישין מענטשין וואש איז גיקומען פון שטאדט בין איך אים גילאפין אנטקעגין צוא הערין פון אים ידיעות :

אויך וואר דער ציילט דאן פיל גרויסע וואונדער · מען האט אן גישפירט דאש דיא זון גייט אונטער צוא פריא · דער הימל איז





צוא רויט · מען האט אויף געוויזן רמזים אין אלטע ספרים דאש מען וועט אן הייבין צוא נעמען אידעשע זעלנער אין דיזען יאר · אנדערע האבין אויף גיוויזין פאר קערט דאש דיא גזרה וועט בטל ווערין · האבין עש באוויזין פון דעם פסוק (הפח נשבר ואנחנו נמלטנו) פ"ה איז מרמז אויף דעם יאר „תקפ"ה" · נון הייסט עש אלם דיזעם יאר וועט זיין צוא ענדע ועלין מיר גירעטעט ווערין · מער פאר אלץ וואר דער ציילט פון חלומות · עס וואר דריבער בריף גישריבין פון איין שטאט אין דער אנדערער שטאט · ווער שמועסט שוין אלם עס האט זיך דאן גימאכט עפעס ארעכטער מת דאן וואר אים פון טויזינד שטימען אריין גישריען אין אויער דאש ער זאל זיין דארטין איין מליץ טוב פאר אידין און זאל דער ציילין וואש דא טוט זיך אפ · און דער צוא וואר גיוויינט און גזאגט „איר גייט אייך למנוחה און מיר בלייבין דא לאנחה" און פאר ביסן מיט די ווערטער „ביי וועמען לאזט איר אונז" · דרשנים און ספדנים האבין שוין קיין שטימע גיהאט זאגענדיג אלץ דען זייא ווארען הייזעריק וויא דיא וואנט · עס האבין זיך דאן גיפונען זאגערלעך אזוא פיל וויא מולארעם פאר פסח · וייל מען דארף מער ניט וויא מיט דעם פענזיל פיאצקען · אזו האט מען דאן ניט גיפאדערט כון אזאגער תורה נאר ויינען זאל ער קענען און ווייטער ניט · אזו וייט וואר מען דאן צוא שראקין און דער צוא פאר דומט · דאש רוב זאגערם האבין אין דיזער גזרה איין גיזעהען גאר משיח צייט און האבן עס באוויזין פון של"ה און נאך כפרים און מען האט זיך גיריכט אלע ויילע אויף נסי נסים · און אזוא פלעגט מען צוא ליגין גאנצענע טעג אויף דעם בית עולם און מען האט גערימען קברים גאר אן אויף הערונג ביז ערב סוכות · אויך אום חול המועד סוכות וואר מען דארטין גאנצענע טעג · אין דער נאכט פון הושענא רבה האט דער משגיח דער בעל מקובל דארטין גימאכט אגרויסע צערעמאניע מיט דרייא גרויסע וועקסענע ליכט וואש ער האט גישטעלט אין די גרעסטע רבנים שטיבליך · כמה הונדערטע מענטשין האבין זיך

מיט אים טובל געווען אין ווילנע און האבין דער נאך גירייטין דארטין אויף די דעכלאך · האבין גיפראוועט דארטין השבעות מיט א ספר תורה און דיזעם אלעם ווער נגד דעם רצון פון אונזערע מורי הוראות וואש ווארין דאן גרויסע מענער · ר׳ אבעלע · ר׳ שלום · און דאש גלייכין · דען ווער קען איין האלטין איין ווילדין פעבעל · צעהען טויזינד חכמים קענען ניט אפ פירין א פעבעל (המון עם) פון די דומהייטין אין וועלכע זייא זיינען פאר פירט גיווארין דורך איינען איינציגין באטריגער אדער דורך איינעם בעל דמיון · וויא דער פאל ווער ביי דעם שבתי צבי און נאך איצונד ביי זיינע סעקטין וואש זיינען גיבליבין נאך אים :

6.

„די שטימונג דעם פאלקעס אין דיזע טאגען אין ווילנא"

די גאנצע אידעשע נאציאן ווער דאן פאר זונקען אין איינעם טיפין מרויער · עש ווער פערנאכלעסיגט אלער האנד גישעפטין · עס ווער קיין שידוך ניט גישלאסין · און פיל גישלאסענע ווארין אפ גילאזין · פיל האבין זיך פאר פארטיגט אוועק צוא פארין קיין ארץ ישראל : פיל האבין זיך גיהאפט צוא גילדעס · דער וואש ווער איין קריפעל (אקיילעקע) ווער איין גיהאלפענער · אבן יחיד ווער אגליק · איין אוינגער · אהינקענדער · אהארבעוואטער ווער אמיוחס · אשבר ווער איחוס · איבר אקאלטין ווארין שוין דעות °) מאנכע האבין זיך גיזאכט

°) עס ווער אדישפוט אין אנעוויסע ארט צוא ווישין צווייא ארדענערע מענטשין צו קרעץ איז דער צו אחסרון אדער ניט און זוען יוא איז דאך כדאי דאש מען זאל אלע אינגלעך מאכין התונה ווען זייא באקומען יונגע קרעץ וועט מען דאך שוין קיין קליינע קינדער ניט נעמען · נון האט איינער גיזאגט (נהי דלדידן לא הוי מומא לדידהו הוי מומא) דאס הייסט ווען אפילו ביי אונז איז עס קיין

באהאלטין אין אלע שולין און אין אלע בתי מדרשים ווער זייער שטארק געשטריטען (זיך מפלפל געוועזן) איבר דעם ענין פון צערעדע דען מען האט ניט פאר שטאנען וואש דאש בעטייט אדער מען האט ניט גיוואלט פאר שטיין · דער צוא נאך האבין אונז די פוילין גישאטין זאלין אויף די וואונדין · דען וואו מען פלעגט נאר באגעגענען אאידין האט מען אים גיר ופין רעקרוטו און פלעגן קומען די הויפינם וויים אין די שולין אום צוא זעהען און צוא שפאטין וויא אידין בעטין און וויינען · דיזער שפאט איז זייא איבער איאר זייער טייער באצאלט גיווארין דען עס איז גיקומען איין באפעל דאש מען זאל זייער שטריינג אונטער זוכין די העראלדע (די שלאכעטנע זכיות) פון יעדער פריץ · נון ווארין פילע העראלדעס ניפאסעלט · דאש מער וויא העלפט פריצים אדער שלאכטעס זיינען גיווארין אדנא דווארצעס און זיינען ארונטער אונטער די קאטעגארע (קלאסע) פון רעקרוטסקע פאוויטאסט וויא מיר אידין און נאך מיט איין גראד מעהר · דען זייא האבין גימוזט אפ געבין רעקרוטין אויף פאר די גאנצע פאריגע צייט וואש עס איז איבער גילאפין פון דעם ערסטין קריסטליכען נאבאר ביז אהער ווייל זייא זיינען דאך מחוייב געווען צוא געבין שוין דאן נאר זייא האבין זיך ארוים גימאכט דער פון מיט זייערע פאלשע העראלדעס · און האבין אזו גימוזט געבין צווייא מאל אין יאר רעקרוטין · און ביי יעדין מאל צווייא מאל אזו

חסרון ביי זייא ביניהם איז עס אבער יוא אחסרון · והראיה מען טרייבט ארויס פון די קלאסין יעדען שטודענט וואש איז נאר קרעציק · דער אנדערער אבער האט אים איין גיוועגדעט · דאש איז קיין ראיה · אשטודענט וויל מען ניט היילין · אזעלנער אבער וועט מען היילין דען צוא וואש דען האבין זייא מתקן גיוועזן שפיטאלין וואיענע · יעצט אבער איז שוין קרעץ ביי אונז אידען אויך אוים מאדע · מען איז שוין ריין אויך נאך דער התונה :



...זנגע וואש ווארין :

...עבין ארסענאל פאזע ווילנע גנגן דעם בית עולם : באלד

אין אוקאז דאש דיא קינדער פון דעם גרעסטין אדעל מוזין אויך אריין
טרעטין אין סלוזבע אונ ווער פון אונז האט נאר גיוואלט זעהן נקמה
אן זייא האט גיהאט וואש צו זעהען :

אין דיזע טאגין ווארין גרויסע אסיפות · אונ עס איז גיבליבין
דאש איינינע נכבדים זאלין פארין קיין ווארשע אום צוא בעטין
קאנסטאנטינען (מנוחתו כבוד) דאש ער זאל זיך פאר ווענדין ביא
זיינעם ברודער דעם זעליגין קייזער ניקאלייא (מנוחתו כבוד) דאש
ער זאל ערלויבין זיך מיט געלט צוא לייזען · ווייל דיא יודין זיינען
פון נאטור איין שוואכעס פאלק · עס ווארין אונטר דיזע דעפוטיטען
ר' שואל פינסקער ז"ל אונ איינער פון דיא צייטלען אונ נאך מערער
דיזער גוטער פירסט האט זייא זייער שיין אויף גינומען · אונ האט
מיט זייא פריינדליך גישפראכין · אונ זייא איינגעלוכטען (ערקלערט)
דאש זייער ביטע איז גאנץ אונשיקליך · אונ דאס ער וועט מיט זיינעם
פאר ווענדין זיך פאר זייא נאר ניסט ווירקין · דען עש איז שוין דר
קייזערליכער אוקאז ארוים · אונ האט זיך דער ביא באדינט מיט
דעם אויס דרוק (מי יבא אחר המלך אשר כבר עשהו) דאש הייסט
וואש איין קייזער איין מאל באפוילין האט דארף נימאנד איין ווענדן ·
אגב האט ער זייא איין גיוויזין דאש יודען גיבין רעקרוטין אין אלע
לענדער · אונ האבין דער ביא קיינע איין ווענדונג גימאכט · אונ
זיינען אזו אוועק פון אים גאנץ אונפערריכטעטער זאכע · באלד אבער
נאך דעם איז גיקומען פון אים איין בעפעל אין אלע רעקרוטסקע ·
קאמיסיעס דאש מען זאל זיך באגיין מיט אידעשע גימיינדין ביא
זייער רעקרוטין אפ געבין זייער מילד ווייל זייא זיינען נאך נייעלינגע
(פריצען) אין דיזער זאכע · אויך וואר דאן זייער שיין פון דיא
רעגירונג · דאש מען האט אונז פון איהרער זייטע (מצדה) ניט
גישטערט אין אונזערע פובליצנע גיווינע אונ געבעטע · דר אלטר
בית עולם וואר גיגין דעם ארסענאל · וואש עס האבין דארטין
גיקוואטירט גרויסע יענעראלען אונ נאך אנדערע גרויסע

צינאווניקעס



צינאווניקעס וואש ווארען העכסט בעאונרוהינט אין דיא צייטין פון
דעם גרויסין גיוויין ביא טאג אונ ביא נאכט אונ דאך האבין זייא
עס געדולדעט אונ האבין נאך אמאל אפילו ניט נישיקט בעטין
דאש מען זאל ניט מאכין לארעם °) · נאך איידעלער אונ מענטשין
פריינדליכער האט אונז דאן באהאנדעלט דער זעלינער וואיענער
גובערנאטער קארסעקאוו · ערסטענס האט ער אליין באזוכט דיא
ערסטע יונגע מענטשין וואש זיינען געחאפט גיווארין פון קהל אום
אפ צוא געבין זייא אין דער קאזארמע וואו זייא זיינען גיזעסין ·
אונ האט זייא געטרייסט מיט זייער זיסע אונ פריינדליכע ווערטער :
האט זייא פאר גישטעלט דיא סלוזבע פיל לייכטער אלס זיא שיינט
אונ האט זייא אויך בעשאנקען · צווייטינס אלס קהל זיינען גיקומען
צוא אים בעטין דאש מען זאל זייא ערלויבין אפ צוא געבין דעם
ערסטין נאבאר אן צערעדע האט ער זייא גיענטפערט איך וועל אייך
דיזעם מאל דאש ערלויבין · דאך זאלט איר דיזע שולד נעמען אויף
אייך · דען דאס איז דאך דיני נפשות · איך וויל עס צוא מיינע
עלטערע יארין ניט נעמען אויף מיין געוויסען ; אונ וויא מען זאגט
זאל ער דיא אויגין דער ביא געוויסט האבין :

## 7.

### „ראש השנה אונ יום כפורים"

אין דעם זיינען אן גיקומען דיא הייליגע טעג ראש השנה אונ
יום כפור וויא גירופין · אונ ווער עס האט נאך גיהאט אפ גשפארטע
טרערין האט זייא אויס גיוויינט אין זייא · דען דער עולם אין כלל

האט

°) אונ אין יענע יארין גראדע איז מען זיך באגאנגען מיט
אונזערע ווילנער יודין אזו ווייט אונהייפליך דאש מען האט אונז פאר
ווערט צוא לוסט וואנדעלען אויף דיא שפאציר גיינגע וואש ווארין
גימאכט לעבין ארסענאל פאזע ווילע גטגין דעם בית עולם ; באלד

האט אפפעללירט צו זיי (אפעלאציע גינומן) וויא איין פר משפטר צו סענאט · נאך איז אין קיין יום נוראים גידאוינט גיווארין מיט אזוא איראה אונ מיט אזו איינער אנדאכט · דען יעדערער באזונדער האט דאן שוין ניט גיהאט צוא בעטין ביי גאט איין עטוואש פאר זיך אליין וויא אלע יאר · נייערט אין דיזעם יאר וואר נור גיבעטין איינע זאכע דאש דיא גזרה פון רעקרוטין זאל בטל ווערין · אונ יעדער וואר ביי זיך גיווים דאש מען וועט וואש גוטעס אויש בעטין · עש וואר מיר דר דאוונן אין דיזע היילינע טעג אזו זים אזו אנגענעהם דאש עס האט זיך מיר גאר ניט גיוואלט פון שול ארויש גיין · דיא בעטענדע געזיינגע פון דעם חזן וואש וואר צוא גאסין אין וויינען וואר איין באלזאם דאן צוא מיינער פאר וואונדעטע זיילע · זיא וואר דער פון עפעס וויא איין געווינט אונ פאר זעצט אין איינער בעסערין וועלט · דיא טעג פון עשרת ימי תשובה ווארין צוא גיבראכט פיל מער אנדעכטיגער אלס איין גיוויינליכער יום כפור · מען האט ניפאסט אלע טאג אונ מען איז ניט ארויס פון דיא שולין · אונ ווער קען באשרייבין דיא שרעקן פון דעם ערב יום כפור פאר נאכט · עש וואר אין יעדעם הויז ניט געוויינט נאר געיאמערט · גיקלאגט · מען האט זיך גיזעגינט מיט איין אנדער וויא מען וואלט דארפין גיין צום גיוויסען טויט · איינע גאנצע שטונדע האב איך אויס געליטען אונטער דיא הענט פון מיינעם זעליגיי פאטער · אלס ער האט מיך גיבענצט פאר זיין אוועק גיין אין שול און גיטאנערהייט אין טלית אונ קיטעל · ער האט מיך באנעצט מיט זיינע טרערין וואש זיינען גיפאלין פון זיינע קלוגע אויגין וויא איין שטארקער מארגין טויא



(פיליכט איבער דעם) פאר נאך דעם ערשטין נאבאר האט מען גימאכט איין נייעס הערט דארטין מקבר צוא זיין · אונ מען האט גימאכט איין נייעם בית עולם: אין דעם איין אונ דרייסיגסטין יאר האט מען אים צוא גראבין ווייל מען האט אויף אים באטערייען גימאכט · נור וואר דאס [illegible] :



אויף איין גאט גיבענצטעס פעלד · זיין ברכה איז באשטאנען נאר אין דעם דאש איך זאל אאיד בלייבין · וויא גאט וועט מאכין מיט מיר זאל איך פון זיינעם וועג ניט ווייכין · אונ דער ביי גיבענצט דעם כלל ישראל · מיין יונגעס הערץ האט דער ביי ניט ווייניג גיליטין · איך האב גיוויינט געשלוכצט · אונ עש וואר מיר דאן צוא מוט וויא אונזערין פאטער יצחק צוא דער עקדה · קוים בין איך ארויס איין לעבעדיגער פון אונטער זיינע הענט · איז אריין אין שכנוב מיט אגרויס גיוויין מיינע אגרויס מוטער · אונ האב אזוא גימוזט אויך אונטער אירע הענדע מאנכע האלבע שטונדע אויש ליידין · איך האבע אבער שוין ניט גיוויינט דען איך האב שוין קיין טרערין אונ קיינע כוחות גיהאט · אונ וויא עס וואר גיוויינט אין דיא הייזער אזו וואר גיוויינט אויך אין דיא גאסין · עס וואר געווים קיין גרעסערעס געוויין אין דעם טאג פון חורבן ירושלים · יעדערער וואר פאר צווייפילט וויא דאמאל אונ נימאנד האט דאש לעבין גיאכטעט וויא דאן · אונ קיינער האט גאר ניט גיבעטין אויף לעבין · אזוא ווייט וואר מען איין גישראקין פאר דעם ענין פון רעקרוטין :

נון וואר מען אין שול דיא גאנצע פיר אונ צוואנציג שטונדין וואך · מען האט גיבעטין · שיר היחוד גיזאגט · מגידים גיהערט · עס וואר יעדע מינוט צוא טייער אום אין איר ניט צו פאר ברייננגען · דען דער טאג וואר צוא קורץ אום זיך אויש צוא שפרעכין אין אים מיט דעם ליבין גאט אלעס וואש מען האט אויף דעם הארצין · אונ אזו האט מען זיך גאר ניט ארום גיזעהען וויא דער טאג איז ניך איבער גילאפין אונ עס האט זיך אזו גאר ניט גיוואלט ארויס גיין פון שול אזו היימיש האט מען זיך דארטין גיפונען · דען מען וואר דארטין וויא אונטער גאטעס פליגיל דער צוא נאך בעלעבט מיט איינער גוטין האפענונג דאש גאט וועט באלד וואונדער טאן · אונ פיל וואונדער ווארין דאן אויך ווירקליך ערציילט וויא מיר האבין שוין פריהער גישריבין · אונ מען איז אזו ארויס פון שול

מיט ווייהעמוט אונ מיט דעם פאר שפרעכין דאש מען וועט באלד ווידער קומען · אונ מען איז ווירקליך באלד ווידער גיקומען אונ ווייטער תהלים גיזאגט ·

8.

„סוכות"

אויף מארגין נאך יום כפור וואר מען אין פיל ערוואַרטונג גוטע נייעס צוא הערין · אונ וויא עס גייט צוא אום אונ אום דאש מען זעהעט וואש מען וויל זעהען אונ הערט וואש מען וויל הערין אזו וואר דיזער פאל אויך דא · מאנכע וואונדער זיכטיגע (דאש הייסט אזעלכע וואש דער ציילין אימער פון מופתים) האבין אן גיהייבין צוא דער ציילין דאש עס זיינען דא גוטע בריף פון ארץ הקדושה אונ דאש גלייכין פון מקום הגדול · עס וואר צוואר דער ציילט אליץ בסוד · אונ דאך האבין אלע דער פון גיפלוידערט · אונ בייא אלעם דעם האט מען זיך דאך · ניט אפ לאזין פון תהלים זאגין אונ פון תשובה טאן · אונ אזו וואר מען בין יום כפור לסוכות אויך ניט רוהיג פון תהלים זאגין · מיט איינער האנד האט מען גיבויט דיא סוכה מיט דער אנדערער האנד האט מען צוא גיהאלטין דעם תהלימעל · עש וואר געוויינט אויך בייא דעם מאכין אלם מען האט פאר גליכען די פאריגע סוכותין צו דעם איצטיגין · אונ אום סוכות האט מען זיך אזו גאר גישעמט צוא זאגין דיא ווערטער (זמן שמחתנו) · דען עס וואר נור טרויער איבער טרויער · קוים פלעגט מען אפ צוא דאוונען אונ אפ עסין · היידא איבער אנייעם אין שול תהלים זאגין : מגידים הערין · אונ דער ווייליע צוא שמועסין דארטין מיט אנאנדער וועגין דיא גוטע בריף וואש הערט זיך דארטין · אונ יעדערער האט אליץ גיהאט וואש אנדערם צוא דער ציילין · עס וואר אבער אליץ מער ניט וויא דער ציילט · אונ מען האט זיך נאך אליץ ניט בארוהיגט · דאהער וויא עש איז גיקומען דער טאג וואש איז פאר דער נאכט פון הושענה רבה · האט זיך דאש



יין ערנייערט מיט נאך מער פריסקייט · מען וואר פול אין אלע לין · קלויזין · קלייזלאך · עס וואר גיזאגט סליחות · תהלים אונ שנה תורה דער צוא מגידים אונ מוכיחים גיהערט · אויף דעם בית לם האט גיקאכט וויא אום צום גדליה מען וואר דארט מיט ליכט ט ספרי תורות וויא מיר האבין שוין פריער גישריבין אליץ דער דער דעם רצון פון אונזערע דאמאליגע מורי הוראות : דעם פעבעל מון עם) איז צוא פאר גלייכין צוא פייער · עס איז פון גרויסין יין כל זמן עס איז איין גיצאמט דאש הייסט גוט בעוואכט דאש זאל ניט ארויס פון זיינעם באשטימטען ארט למשל וויא אויבין · פון קיך · ווייהע אבער ווען עס זיך פון דארטין ארויס פט דיא פרייע טאכטער דער נאטור · אונ וואנדעלט אום · אויף יגענער שפור (טריט) · עש איז שוין שווער איר איין צו האלטין איהרעם שעדליכען וואלטין · אזוא אויך מיט דעם פעבעל · קומט ער איין מאל דיא מאכט · דא ווערט עש אלעם פאר קערט מאכט · אונ שאדין וויא איין פרייעם פייער וואש פאר צערט ש נור מיגליך ארום זיך זייער גיך דער גאנצער סוכות אין כלל ט אויש גיזעהען העכסט טרויעריג : עס וואר גידאווינט וויא תשעה באב · עס וואר קיינע פריידען שטימע צוא הערין · גוט יום טוב ביטער צו זעהען · קיין שפאציר גייער באגעגינט · וואַרין דיא אידעשע נאסין וויא אוים גישטארבין · וויסט אונ ר · דען מען וואר ענטוועדער אין דיא שולין אדער אין קהל יבער בייא איינער אסיפה · דען אסיפות וואַרין גימאכט טעגליך ·

9.

„שמיני עצרת"

דער פעבעל (המון עם) איז אויך נור איין קינד · דאהער א נור עטליכע הונדערט פעבעל מענטשין קומען צוא זאמען בסט ערליכע לייט כמו שוין דיא פאליצייע אויף זייא אכטונג

געבין דאס זייא זאלין ניט איינער דעם אנדערין דיא נעזער א
רייסין · אונ דאהר אויך דר לייכטר איבער גאנג ביא דיזע לייט
פון ווייניגן צום לאכין · וויא עס פאסירט זיך אלע מאל ביי קליי
קינדער · אונ דיזער פאל וואר דא אויך · דען וויא עס וואר שטא
ביז אהער דער גיוויין · אזו וואר גרויס אויך דיא פריידע אום שמ
עצרת וויא מיר וועלין דא אלעס גיהעריג דער ציילין · שמ
עצרת נאך דעם דאווענען אלס איך בין מיט מיינעם זעליגין פא
גיזעסין אין סוכה ביא דעם צימעם איז איינער אריין גילאפין צ
אונז מיט גרויש שמחה אונ האט אונז אן גיזאגט דאש דיא גזרה א
בטל גיווארין · אונ מיר האבין אים גיגלויבט ווייל עס האט ז
גיוואלט גלויבין · מיין פאטער אבער וואש וואר איין גיזעצט
מענטש מיט אגיזונטין מענטשין פאר שטאנד האט זיך בא
באזינט אונ האט אן גיהייבין צוא צווייפלען „וויא איז עס מיגלי
האט ער זיך אפ גירופין דאש איין קייזערליכער אוקאז זאל ווע
בטל · דאך דיזער צווייפעל איז גיווארין באלד דער שטיקט דו
דעם פריידען לארעם וואש איז גיווארין אויף דעם הויף · מיר הא
מקצר גיוועזן מיט דעם צימעם · אונ מיר האבין באלד אפ גיבענ
אונ זיינען ארויס אויף דעם הויף וואש וואר בעוואונט פון זיי
פיל מענטשין · אונ האבין עש נאך גיפרעגט · אונ אלע הא
דער ציילט מיט איינעם נוסח דאש עס זיינען גיקומען בריף פ
מקום הגדול דאש דער קייזער זעלבסט האט דיזען אוקאז מב
גיוועזן אויס געוויסע אור זאכין אונ דיא קלויזנער האבין שוין דע
ביא דער ציילט אמופת מיט אחלום · מיין פאטער וואש וו
נאך דער מיט ניט צוא פרידין האט עש נאך גיפרעגט ביא איינ
וויכטיגין מאן וואס וויא מען רופט זנייעט דיעלע · אונ דיזער הא
אים גיענטפערט דאש עס זיינען דא בריף איז מער וויא געוויס
דאך מען וויל זיך נאך דר מיט ניט ארויש ווייזין · אונ דער לעצ
פונק פון צווייפעל האט זיך ביא אונז אויס גילאסין אלס מיר הא
גיזעהן דאש הונדערטע מענטשין לייפין אן נארטלען אונ אן היטל

...יא



וואנזיניגע אין גרויסע שול אום צוא זאגין דארטין הלל הגדול ·
בין אויך אהין גילאפין · איך האב אבער שוין קיין פלאץ
ען וואו אנאז אריין צוא שטעקין · דיא שול וואר פול אונ פאק
סט דער גרוישער שול לייטער וואר בעזעצט מיט מענטשין
ונשין ביז ארויף · אונ מען זאגט הלל הגדול מיט אגרויסין
· אונ אלע ווייל איבער נייעם :

אין יענע צייטין וואר אין ווילנא איין גרויסער נכבד וואש
האט אים גירופין ר׳ בינע פישעלס · יעצט וואלט ער הייסין
נאטענזאהן · דיזער מאן וואר איין גרויסער וועלט מענטש ·
משגיח איבער ווילנער אידעשין ביקור חולים אונ איין גרויסער
רב ביא דעם דאמאלדיגין גובערנאטאר „האָרען איין דייטשער"
דיזער האט גיוואוסט אויף קלאר דאש נור מאנכע אידעשע
רע האבין אונטער געשיקט אזעלכע פאלשע בריף פון מקום הגדול
ווייניגסטין אזעלכע פארדארבענע מענטשין וואש האבן גיוואלט
יא זיין פון דעם כלל · אונ איז דאהער גיקומען וואש צום
טען אין שול איז ארויף אויף דעם אלמעמער אונ האט אן
יבין צוא שרייען מיט קולות „אהיים ! אהיים ! אהיים · עס איז
ן · שונאים זיינען דא אין שפיל · מען בעטריגט אייך" דיזע ווארע
קלוגע רייד פון דיזעם וועלט מאן וואר געשפראכין אין ווינט ·
האט אים ניט גיהערט מען האט גיזאגט אונ גיזאגט הלל ביז
פות · אונ ער האט גיהאט צוא דער ציילין נסים דאש ער איז
ליבין לעבין · דען דער פעבעל האט אים גיוואלט שטייניגען
ש ער איז מונע כמה אלפים אידין גאט צוא דאנקין אונ פאר
ערט זייא דעם יום טוב · אונ אזוא וואר אוועק געהולעט דער
נצער שמחת תורה מיט דער אוים גילאסענעסטע פריידע מען
אם ניטאנצט אין דיא גאסין מען האט זיך גיקושט · אונ ארום
נומען זיך מען האט גיוויינט אויש פריידין אונ מען האט זיך אן
דערציילט וואונדער איבער וואונדער · פון ווילנא האט זיך דער
נין אוים גיברייטעט אויך אין דיא קליינע שטעט · אין דיא

דערכער

דערפער און דארטין האט מען אוועק גישיקערט איבער
בראשית און מען האט אזו ווייט ראזגולעוועט דאש עש וואר
שווער דער נאך אפ צוא רייסין פון דיא גולייקעס וויא עס
פריער שווער זייא אפ צוא רייסין פון גערצאמער · קורץ אום עס
נאך אין קיין שמחת תורה אזוא שטארק גיהולעט וויא אין די
און מען האט זיך ערסט אן גיהייבין אוים צוא ניכטערין אל
האט שוין איינינע צו גינומען פאר רעקרוטין :

## 10.

### „דיא ערסטע רעקרוטין״

באלד נאך איסרו חג האט מען גימאכט זעקסטלאך און
האט צוא נומען אזעכציג שטיק פון דער גאנץ נידעריגע קל
למשל פון דיא אפענטליכע הייזער : פיסקאלין · קיסעניקעס · מא
אויש גילאסענע דראנסקאוניקעס וואש וואריןווירקליך צוא שא
פון אונזער אידעשע ווילנער גימיינדע · דער גרעסטער טייהל וו
גרויסע דיא קליינע ווארין ניט איינגער פאר זעכצין זיבעצין
אלע גיזונטע און פיינע איינגלאך · עס ווארין קאם צווייא א
גיבראקירט עס וואר אין דעם פריאם טאג איין טרויער אונטער
יודין · און דיא רעקרוטין האבין אויש גיזעהען וויא היילינע קרב
וואש מען האט זייא מקריב גיוועהן לטובת הכלל · מען האט
רייך גימאכט · מען האט זייא גישטאפט און געקראפט מיט אל
גוטין מען האט זייא זייער שיין אוים געקליידעט · און מען
גילאפין אויף דעם וואונדער זייא צוא זעהען הן יודין הן קריס
און מען האט זייא דער האלטין אין שטאדט אזו לאנג וויא ווי
נאר מעגליך וואר · און אזו איז מען געלאפין זעהען דיא ערס
אסמענער רעקרוטלעך וואש מען האט זייא גיבראכט וויא פון א
אנדערע אויעזדין קיין ווילנא · איינער וואר איין צירולניקעל אציכ
איינגעל ער האט זיך אפ גישפעלט דא אין ווילנא · אלע אידעש

[illegible]

ין פלעגין אלץ טראנספטירט ווערין אלץ באזונדער · דאש
ניט מיט קריסטליכע צוא זאמען · און וויא נאר מען האט
כט איין טראנספארט אידעשע רעקרוטין פון אנדערע אויעזדין
פון אנדערע גובערנעס פלעגין אידען זייער צוא חאפין צוא
יף שבת · אויף מיטאג · און דער צוא געגעבין נאך אשיינע
און האבין אזו גיהאט גוטע טאגע און ווארין פרייליך כל
ווארין אין ווילנא · ביא זייער אפ ציהען אבער אין דיא
גובערנעס האט זיך ווידער באנייט דיא טרויער שצענע ·
ין זייא באלייט דיא גאנצע שטאט ביז גלינאנקע · איינע
וואש איז איין האלב מייל פון ווילנא · עס זיינען נאך
כמה וכמה וועגין בעלאדין מיט דינע ברויט · בולקעס ·
ערינג · דארטין אין קרעצמע האט מען זייא אויש גיטיילט
רורים · תהלמס · דער שטאט מגיד ז״ל האט פאר זייא
יינע ריהרענדע פריידיגט · דאש זייא זאלין זיך ארענטליך
ין · זאלין זיין גיהארזאם זייערע אויבערקייט און אן גאט
געסין · עש וואר דארטין גינוג געוואונט גינוג טרערין פאר
ר נאך וואר דארטין גימאכט איין מיטאג פאר זייא · קלעזמר
שפילט *) עס ווארין פון דיזער שצענע גערירט זעלבסט די
אפיצירען

---

אלם אונזער שטאט מגיד ז״ל וואר דארטין אין גלינאנקע
ין אין וויינען ביא זיינער פריידיגט איז גיקומען צו לייפען
פון שטאט און האט אים גיבעטין אין נאמען פון דיא
אים דאש ער זאל באלד קומען אויף דעם בית עולם
יין דעם ר׳ יעקעלע רעכעלם וואש איז פלוצלונג גישטארבן
אר איינער פון ווילנער גרעסטע נכבדים און לומדים ·
טייט זיך דאש ער איז באלד אהין גיקומען וועהרענד
ע אויגין האבין זיך נאך ניט איין געשטילט פון יענער
צענע · און האט אן גיהייבין זיין הספד מיט דעם פסוק
טוב

אפיצירען אונ די רוזיע סאלדאטין אונ האבין מיט גיווייט טרוזעריגע שצענע ביא דעם ארוים לאזין זייא האט זיך האלט (ערנייערט) כמה יאר ביא יעדען נאבאר ביז מען גיהייבין צוא נעמען צווייא מאל איאר ביא אונז אידען צוא פון טויזינט · וואש דאש האט אויף גיהערט ערסט אלס קייזער אלכסנדר דער צווייטער (ירום הודו) האט בעשטי טראן אויף לאנגע יאר · וואש האט אונז שוין אין כמה זאכין גלייכט צוא די רוסין :

אין די צייטין פון דעם ערסטין נאבאר האט גיפירט ביא אונז אין ווילנא מעמדות · דאש יעדערער וואש נור גוט מיט זיינעם גאט זאל קומען איין טאג אין יעדין דער קבראנישע שול אונ זאל דארטין צוא ברייגנען דעם טאג זייענדיק אן גיטאן אין טלית אונ תפילין אין תחינות אונ אונ אויך פאסטין דער צו · עש האט דיזער תיקון גיהאלטין יאר זייער פעסט · נאר איצונד דינגט מען איינען אנדערין צו יום · זיך אונ עם ווערט דארטין גיבעטין נאך עד היום · אבער וואר דאש צוא דעם צווייטין נאבאר האבין זיך שוין פיל אהאטניקעם · אונ זעלבסט ארעמע עלטערין האבן זייערע אייגענע קינדער · איין גרויסער בעווייז דאש דער איז איין קינד דער געוואונהייט נאר :

---

(טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה) אונ פאר טייצט אזוא · עס איז זייער פאסענד צוא קומען צוא זיין אזוא אצדיק קומענדיק פון אזוא אשמהה פון ווע קום יעצט · דען איך האב דורך גילאזין יעצט הונדערט אונזערע מיט קלעזמער מיט אגוטין מאל צייט · איינ חתונה · דאך ניט אוים גיגעבין זייא נאר אפ גיגעבין · גיוויינט אונ גיוויינט ;



## „איין קריטישער (ריכטיגער) איבערבליק איבער די רעקרוטירינג פון אידען"

יעדער ענין מוז באטראכטעט ווערין אויף צווייא ערלייא · ערסטינס וויא ער איז אליין בעצם (אן זיך אונ פאר זיך) צווייטענס וויא ער איז ווירקענד אויף אנדערע ענינים (בעציגלעך דערער גענעשטענדע) אזו למשל דער רעגין בעצם איז פאר דעם טשין אגוטע זאך דען ער שטערט דעם מענטשין אין כמה ענינים איז זייער ניט גוט פאר עוברי דרכים · פאר די מויערער · אונזערע חכמים זאגין ווען די וועלט וואלט אים ניט גידארפט נייטיג וואלטין זייא מתפלל גיוועזן דאש עם זאל קיין מאל זיין גין וויא זייא דרשנן אויף דעם פסוק (ונתתי גשמיכם בעתו) גאט וועט געבין רעגין אין אזו אצייט וואש ער וועט קיינעם שטערין דאש הייסט אום פרייטאג צוא נאכט וואש אלע זיינען צוא הויז אונ טוען קיין ארבעט · אונ דאך איז ער זייער גוט צו פעלדער גערטנער אונ סאדען · אונ אזוא ווידער פאר קערט דא אזעלכע ענינים וואש זיינען בעצם זייער גוט אונ געשמאק וויא דער האניק טויא אונ שאדעט זייער די תבואות · אונ זיינען דא ווידער אזעלכע ענינים וואש זיינען בעצם גוט · אונ אויך גוט פאר אנדערע ענינים וויא דאש רוב ענינים זיינען · אבער שלעכט בעצם · אונ שלעכט צוא אנדערע ענינים · דאש ניט אין דר וועלט · ווייל קיין רע מוחלט (דורך אוים שלעכט) דער בורא ברוך הוא וואש איז דער מקור הטוב גישאפין :

נון פון דיזעם געזיכטס פונק אויש (דאש הייסט פון דיזעם) דארפן מיר אויך באטראכטין די אידעשע נאבארען מען קען ניט זאגין דאש בעצם איז עם קיין גוטע זאך · דען עש זיך קיינעם ניט שיידין פון זיין פאמיליע אויף כמה יארען אונ

זיין

זיין איין משועבד · דער צוא נאך גיין אין פייער פון קריג · אונ לעבן
איין הארטעס לעבין · דען אין בעסטין אופן איז דער מילעט
דינסט זייער שווער דאך אבער בדרך כלל איז עס פאר אונז אי
אטובה · ערסטענס האבין דיא נאבארין אויס גערייניגט פון א
זייער פיל שעדליכע מענטשין · אונ ליידיג גייער · צווייטענס זיי
פיל אפ גיגעבענע גאנץ גליקליך גיווארין אונ אויך זיך פיל גיבעס
אין זייער אויף פירונג דען מיר האבין אונטער אונזערע אידע
סאלדאטין זייער רייכע לייט אונ אויך זייער פרומע לייט · בעווי
דער פון גיט אונז פעטערבורג אונ מאסקעווע וואש עס זיינען
פון זייא דארטין גרויסע גימיינדען מיט בתי מדרשים אונ זיי
מדריך זייערע קינדער פיל בעסער אלס אונזערע גימיינע פ
יודען · דריטענס האבין דיא נאבארין גימאכט לויזער די אידע
שטעדט · זאנסט וואלטין מיר גיהאט מיט נאך עטליכע הונד
קרעמער מעהר אין יעדער שטאט וואש דער קאנקורענט איז
גינוג גרויס אן זייא · פערטענס זיינען מיר גיווארין דורך דעם וואו
בירגער דעס לאנדעס · פרייסען אונ פראנקרייך האט געק
גינוג מיהע ביז זייא האבין אויס גיווירקט דאש מען זאל ביי א
נעמען זעלנער · פינפטענס זיינען דא מענטשין אין ארעם שט
וואש לעבין זייער שלעכט שטארבין פראסט פאר הונגער ·
וואונען אין קאלטע נאסע דירות · אונ לעבין אזו פיל שלימער
דיא הונדע · נוא פאר אזו איינעם וואש איז שלעכט אסאלדאט
זיין · וואש דארטין באס ער איז איין ערליכר מאן אונ איין ניכט
ווערט מען גאנץ ארענטליך באהאנדילט אונ מען האט
נייטיגעס איז · אונ נאך מער וואש נייטיג איז · עס האבין מיר
אידעשע סאלדאטין דער ציילט דאש אין דער גאנצער צי
זייער סלוזבע האבין זייא קיין בייזער גיהערט אונ לעבין פיל
פרידענער אין סלוזבע אלס פרייהער וויא אין דער היים · זעקס
וויא קען מען עס גאר פאר לאנגען דאש גראדע מיר יודען
מאכין איין אויס נאם אין דיזער זאכע · דאש נור מיר זאלין
פרייא



פרייא פון רעקרוטין · נון הייסט מען וויל נאך אן דעם אזו גינאנטען
גלות פערדינען · לאמיר דורך גיין דיא ביבעל אונ לאמיר ציילין
וויא פיל זיינען דאש פארט אונזערע אוס גיקומען אין שלאכטין
אונטער אונזער אייגענע שופטים אונ מלכים אין בית ראשון נאך
מער אין בית שני · אונטער דיא רעגירונג פון הורקנוס האט אונז
געפירט זיין פעלד מארשאל אנטיפטאר צוא שטרייטען מיט דיא
עגיפטער פאר די רעמער אונ איצונד ווילען מיר געניסען איינע פאל
קאמענע רוהיגקייט אונטער דעם שוץ פון ניכט אידעשע קיניגע
צוא פיל פאר לאנגט :

נוא קען מען מאכין דער ביי איין ווענדונגען דאש זייענדיג
אין סלוזבע קען מען ניט אידעשקייט אפ היטען · לאזט זיך עש אבער
זייער לייכט פאר ענטפערין מיט כמה ופמה תירוצים · ערסטינס אלס
מיר ווארין אין אונזער לאנד אונטער אידעשע רעגירונג האבין
אונזערע סאלדאטין אויך ניט אזו אפ גיהיט דעם דת וויא די היימיגע
זייא האבין על פי דין גימעגט עסין אן מעשר אונ זייער אפט אויך
שווין פלייש · אונ האבין ניט אפ געהיט דעם שבת אין קריג צייט ·
צווייטינס איז דאך דאש גיזעצע אין אינזער רוסלאנד דאש
יעדער אידעשר סאלדאט איז פרייא פון סלוזבע אין די שבתים ויו"ט
אונ זיינען באמת פיל פרימער אלס אונזערע אנדערע פרייע יודין ·
אונ מען איז קיינעם ניט מעביר אויף זיין דת מיט גיוואלט :

נון קען מען ווידער האבין וואש איין צוא ווענדין אונ זאגין
דאש פיל קליינע רעקרוטליך האבין זיך אוועק גיטויפט · לאזט
זיך אבער צוריק זאגין דאש אין דעם זיינען מיר אליין שולדיג ·
דען דיא רעגירונג האט דאך אונז ניט גיצוואונגען דאש מיר זאלין
געבין קליינע קינדער · זיא האט אונז נאר עס ערלויבט · אונ דאש
אויך צו אונזער טובה · ווייל זיא וויים דאש דיא דער וואקסענע
זיינען שוין פאר הייראטהעט נון איז שוין שאדע איין הויז צו ברעכין ·
אונ מיר יודען וואס מיר מייגען נוט מיט אונזער דת האבין מיר ניט
גידארפט געבין קליינע · נאך מער זייא האבין דיזע לענאטע נאך
זייער

ABUSES

זייער שלעכט בענוצט · זייא האבין גיגעבין אן שטאט צוועלף יאריגע קינדער אויך אכט יאריגע · זעקס יאריגע ברויזלעך וואש האבין נאך גאר קיין בעגריף גיהאט פון אידעשקייט · אונ צוא אונזערער שאנדע זיינען פול אלע אויש לענדעשע זורנאלין מיט שוידערהאפטע ערציילונגען פון דיזער טראגייע :

קורץ דער פון מיר יודען האבין קיינע שיינע ראלן גישפילט אין דיא פאריגע נאבארען דאש הייסט ביז דיא צייט וואש אונזער קייזר (ירום הודו) האט באשטיגן זיין טראן לאורך ימים · מען האט אפ גיגעבין פיל בן יחידים גאר אן רחמנות · ניט ווייט פון דובנא וואר איינע אלמנה וואש האט גיהאט איין איינציג קינד פון איאר צעהען וואש זיא האט אים געליבט וויא איר לעבין · צוויא יאר האט זיא אים דיא ווינטערין אויש געהאוועט (בעהאלטין) אין דיא ווייטע קאמים זומפען (דאש הייסט צוא ווישין הויכע אייער אדער שילף) · אין דעם דריטין ווינטער האט מען איר שוין נאך געשפירט אלם זיא האט אים עסין גיטראגין אונ מען האט אים צוא גינומען פון דארטין אונ אפ גיגעבין · די מוטער האט עש ניט איבער לעבט · דען זיא איז באלד גישטארבין דער פון :

אם שענדליכסטען האבין זיך אונזערע אפצעסטוועס באנאנגען מיט דיא פאאימנע · זייא האבין זיך מיט פרעמדע בלוט גיוואסין גאנץ אונגערעכטער ווייזע · דען זייא האבין ביי פילע פרעמדע קינדער אוועק גינומען זייערע פעסער · אונ האבין זייא אפ גיגעבין אלם פאאימנע · דאש הייסט אלם גיחאפטע אן פעסר · עס האבין דאן דיא רבנים גוואלט גישריען איבער דיזען אונרעכט · דיא איזבארסציקם האבין עם ניט גיהערט אונ האבין אפ גיטאן גרוישע אקצעם וואש זיינען צו אונזערער שאנדע גיווארן באשריבין אין פיל צייטונגען אונ עש זיינען גימאכט גיווארין דער פון פילע ראמאנען · אונ וועלין אזו בלייבין צום אייביגין שאנד (פלעק) אויף אונזער יודענטום וואש דער שטראם דער צייט וועט עם ניט אויש וואסין · דען דאש וואר געהאנדעלט גראדע אין דעם הפך

פון



פון אונזערין אלטין אידעשין קאראקטער „בישנים · רחמנים · גומלי חסדים“ אונ אזו אויך גראדע געגין דיא גיזעצע פון אונזער תורה · וויא אונזער גברא דריקט זיך אוים (מאי חזית דהאי דמא סומקי מהאי דמא) דאש הייסט מיט וואש זעהסט דוא איין דאש דיין בלוט איז רויטער אלם דעם אנדערינם בלוט :

אזו מיינע טייערע לעזערין פון דיזער קורצע בעשרייבונג איז דיר שוין זייער לייכט צו פאר שטיין וויא דונקעל עס וואר אונזערע אידעשע וועלט מיט איאר פערציג צוריק אונ וויא אויך אונגעזיטעט זיי וואריו · דאש מען האט זיך ניט גישעמט צוא גיין אונ צוא שרייען אין די גאסין°) מיט קולות כמה וואבין נאך אנאנדער

אונ

°) עס קען מיר צוואר מאנכע לעזערין איין ווענדין מיט דער געשיכטע פון מרדכי דאש עס שטייט אויף אים אין מגלת אסתר (ויצא ברחוב העיר ויזעק זעקה גדולה ומרה) דאש הייסט ער איז ארוים אין גאם פון שטאט אונ האט גישריען איין גרוים געשרייא אונ איינע ביטערע · דיזע איין ווענדונג אבער לאזט זיך זייער לייכט אפ ווענדין · מיט דער זיטע וואש וואר דאן אין גאנץ אזיען · אונ איזט נאך איצונד אין אבעסיניען וואש ליגט אין אפריקא · וואש האט זיך נאך דער האלטין אין איר אלע פארצייטיגע מארגענלענדישע זיטען · עס איזט דארט נאך עד היום דיא מאדע דאש אלע זובליקאנטען (פראסיטעלעם) וואש האבין איינגערייכט אבטיריפט (פראזבע) דארט צום קיניג שטעלין זיך אויף מארקין נאך זייער איינרייכונג ארום דעם אייזערנם גיטער (ארום דעם צוים פון אייזערנע שטאנקעטעם) וואש איז גימאכט ארום דעם דוואריץ אונ שרייען · וויינען · קלאגין · אונ בעטין דאש מען זאל זייא געבין איינע רעזולוציע · אונ וואש מען שרייעט אלץ העכער איז אלץ בעסער · דען דאש איז דארט ערכינט פאר איינע גרויסע עהרע פאר דעם קיניג · איינע עטליכע פערעהרונג · אונ דאהער אין דיא צייטין וואש זיינען

JG 7841.24

# גריזעטקע



אונ דיא אַן פֿירֶער דער פון וַוארין פַאנַאטַאקֶר פון גַאנץ נידֶעריגֶען
שְׁטַאנד · אונ קיינֶער הָאט ניט גִיוָואלְט פַאר שְׁטֵיין דָאשׁ עֶס אִיז
דיא גְרֶעסְטֶע רֶעכְט צוּא גֶעבִין סָאלְדַאטֶען · יֶעצְט גָאט זַייא דַאנְק
הָאט מִיט דִיזֶעם עִנְיָן אַיין פִיל בֶּעסֶערֶע וֶוענְדוּנְג גִינוּמֶען כִּצְדִ
צְדָדִים · דֶען עֶס אִיז פִיל לַייכְטֶער דיא סְלוּזְבֶּע אוּנ מִיר אִידֶען פַאר
שְׁטֵייעֶן שׁוֹין דָאשׁ מֶען הָאט גָאר נִיט וָואס אַיין צוּ וֶוענְדִין גֶעגֶ
דֶעם עִנְיָן פוּן רֶעקְרוּטִין · אוּנ דִיא נָאבָּארִין וֶוערִין אָפּ גִיגֶעבִּין גַאנְ
שְׁטִיל אוּנ רוּהִיג :

---

דָארְט וֵוייניג סוּפְּלִיקַאנְטֶען וֶוערִין גֶעדוּנְגֶען מֶענְשִׁין פִין גַאם וָוא
זָאלִין שְׁטֵיין אַרוּם דֶעם אַייזֶערְנֶעם גִיטֶער אוּנ שְׁרֵייעֶן אוּנ בֶּעטִין
אַיין אַייגְנֶעלִשֶׁער גֶעזַאנְדֶעטֶער „דְרוּמֶענְט. וָואשׁ אִיז אַיין גִישְׁטַאנְ
דָארְט אִין דֶעם קִינִיגְלִיכֶען דְוָוארֶעץ · בֶּעקְלַאגְט זִיךְ דַארִיבֶּער
זַיינֶע רַייזֶע בֶּעשְׁרַייבּוּנְג זֵייעֶר שְׁטַארְק · דֶען עֶר הָאט אִיבֶּ
דִיזֶע לַארֶעסְם קֵיין אוֹיג צוּ גִיטָאן · בַּייא אוּנְז אִין אַרָאפִּיֶע
וָוערְט עֶס גְרָאדֶע אוּם גִיקֶערְט גִיהַאלְטִין פַאר גַאנְץ ווִילְד ·
מִיר גֶעהֶערִין זִיךְ צוּ פִירִין נָאךְ דִיא זִיטֶען פוּן אַרָאפִּיֶע · אָ
גִיט נָאךְ דִיא ווִילְדֶע זִיטֶען פוּן אַזִיֶען · אַזוֹ אִיז דִיא זִיטֶע
טִירְקַייא דָאשׁ מֶען נֶעמְט נִיט אַרָאפּ דִיא הִיטֶעל פַאר דֶעם סוּלְטַ
אוּנ זַייעֶרֶע יְרֵאִים פַאר מַאכִין דִיא אוֹיגִין אַלְס זַייא דֶער
אִים · אוּנ בַּייא אוּנְז אִיז גְרַאדֶע דִיא זִיטֶע פַאר קֶערְט · אוּנ
וָואשׁ וֶועט זִיךְ פִירִין דָא אִין דִיזֶעם עִנְיָן ווִיא דִיא טִירְקֶען
מֶען אִים הַאלְטִין פַאר אַיין מַאיֶעסְטֶעם בֶּעלֵיידִיגֶער · אוּנ דַא
זָאגִין אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים (לעולם אל ישנה אדם מן המנהג) :

ע נ ד ע